# צום פינטל

גליון כט
חג השבועות תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## מועדים-שבועות

### די מעמד און מצב פון מתן תורה

#### ♦ חג הידאה

שבועות איז 'חג היראה', ווי די פסוק זאגט 'משמים השמעת דין, ארץ יראה ושקטה', א מעמד און מצב פון יראה. פסח און סוכות איז 'אהבה ורחמים', 'זמן חירותינו' - 'זמן שמחתינו', אבער שבועות איז 'זמן מתן תורתינו', דער אייבישטער האט געגעבן תורה און מצוות, פינקטליכע געשניטענע דינים, עשה ולא תעשה, חוקים ומשפטים, מיט א מורא'דיגע יראה שמירה און פינקטליכקייט, 'למען תלמדון ליראה'.

אויף די פסוק (דברים פ"ד ט) "רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך", זאגט די מדרש (מדרש הגדול) "מגיד לך הכתוב, שלא בא מעמד הר סיני, אלא ללמד לישראל, היאך ייראו את המקום", די 'קרבנו לפני הר סיני' איז געווען צוליב 'יראה', דער אייבישטער האט אונז געוואלט געבן א 'עקספיריענס' וואס איז דאס יראת השם. און דער הייליגע רמב"ן איז מסביר דעם פסוק אז מ'זאל נישט פארגעסן דעם מעמד און מצב, די קולות און לפידים, כבודו וגדלו וכו', און דאס אלץ זאל מען מודיע זיין פאר די קומענדיגע דורות, די יראה, ווי די פסוק זאגט 'והודעתם לבנך ולבני בנך יום אשר עמדת וגו', 'אשר ילמדון ליראה אותי כל הימים ואת בניהם ילמדון'.

אויך טאג טעגליך ווען א יוד לערנט, טאר עס נישט זיין א סתירה צו יראה, ווי די חז"ל זאגען אז תורה דארף מען לערנען בכובד ראש, 'מה להלן באימה ויראה בפחד וזיעה', מ'דארף לערנען אויף דעם אופן ווי ס'איז געווען ביים שורש, ביי מתן תורה אליינס.

#### ♦ א מצב פון א פחד נורא

די 'הכנה' צו שבועות איז די גרעסטע 'הכנה' צו א יום טוב, פון פסח אהן גרייט מען זיך שוין מיט א מורא'דיגע יראה... מ'ציילט ספירה ארויפגייענדיג העכער און העכער... מ'איז שוין אט אט ביים אייבירשטן אליינס כביכול... די סיון טעג ריקען זיך שוין אינטער... משה רבינו זאגט אריין 'דברים קשים כגידים'... א 'מגיד' וואס זאגט אריין מיט

> **מ'זעהט בחוש אז מענטשן האבן ליב 'יראה', מענטשן האבן ליב שרעקעדיגע מעשיות, מ'האט ליב שרעקעדיגע 'סצענעס', קוקענדיג אויף הויכע שרעקעדיגע בערג מיט טיפע טאלן אפגרינדען, מ'האט ליב צו קריכן אויף מסוכן'דיגע בערג, און נאך פיל אזעלכעס ענדליך**

א שטארקייט... דערנאך איז ער מגביל דעם בארג... מ'ווארט צום באשטימטן טאג מיט א מורא'דיגע פחד.

מ'שטייט ביים בארג סיני מיט א שרעק... אלעס ארום איז א וויסט... א וויסטע מדבר אהן א עק און ברעג... אויפן בארג דינערט און בליצט... פייער גייט ביזן הימל... א טינקלקייט און א וואלקן נעמט אלעס ארום... די יידען ריקען זיך שנעל צוריק... די פחד איז גרויס... און פלוצלינג הערט מען ווי דער אייבישטער זאגט... איך בין ענקער גאט און עפעס אנדערשט איז נישט פארהאנען... די יידען קענען זיך נישט דערהאלטן, זיי זענען נישט קיים בכלל.

דער אייבישטער רעדט צו די יידען אין פנים אריין... 'פנים בפנים דבר'... די גאנצע וועלט ציטערט... ארץ יראה ושקטה... דער אייבישטער הייבט אויף די בארג איבער זייערע קעפ... 'ויחרד כל ההר'... דער אייבישטער זאגט... אויב נעמט מען נישט די תורה, ווערט מען דא באגראבן אויפן פלאץ. 'נעשה ונשמע' האט מען שוין געזאגט... און יעצט איז אנישט דא קיין צוויי ברירות... מ'האלט שוין נאכן 'כריתת ברית', קיין צוויי צדדים איז שוין נישט דא...

די מעמד נורא ווערט אריינגעבאקן טיף טיף אין די יידישע הערצער... השמר לך פן תשכח יום אשר עמדת... א מעמד וואס איז נישט שייך צו פארגעסן... אשר ילמדון ליראה... א לקח פון יראה אויף אייביג. ווי א שארפע מוסר דרשה וואס מ'האט געהערט אלץ בחור פון דער 'משגיח', און ס'פארהארטוועט זיך אין דעם עצם 'אדם', עס ווערט פארמאכט אין די טיפעניש פונעם מענטש, א מתנה אויף אייביג. אזוי האט זיך דער 'מעמיד אדיר' אריינגעזעצט אין די יידישע הערצער פאר א אייביגע מתנה.

אויף אזוי ווייט איז געווען די 'יראה' דארט, אז נאך מתן תורה האט זיי משה רבינו געדארפט בארואיגען, 'אל תיראו כי בעבור נסות אתכם בא האלקים, ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו'. און דאס איז וואס מ'זאגט 'אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה', די עצם מעמד און מצב ביים בארג סיני איז געווען א סוגיא פאר זיך.

המשך בעמוד הבא

### די געשמאק פון יראה

מענטשן זענען צוגעוואוינט אז אהבה איז געשמאק, און יראה איז נישט געשמאק, אבער באמת איז עס נישט ריכטיג, מ'זעהט בחוש אז מענטשן האבן ליב 'יראה', מענטשן האבן ליב שרעקעדיגע מעשיות, מ'האט ליב שרעקעדיגע 'סצענעס', קוקענדיג אויף הויכע שרעקעדיגע בערג מיט טיפע טאלן אפגרינדען, מ'האט ליב צו קריכן אויף מסוכן'דיגע בערג, און נאך פיל אזעלכעס ענדליך. אויך זאלץ און שארפע ספייסעס איז א באליבטע זאך, שארפע מוסר דרשות, שארפע חסידישע ווערטער, טיפע קאצקער קנייטשן, אויך 'ויכוחים' איז היבש א באליבטע זאך, כאטש וואס די אלע באלאנגען צו יראה, נישט צו אהבה. און צומאל האט מען אפילו ליב צו ווערן טיף דערשראקן, דער מענטש ווערט אויפגעוועקט, ס'עפענט אים א טיפע פלאץ אין נפש.

מתן תורה איז געווען א מורא'דיגע טיפע געשמאקע און דראמאטישע דורכגאנג פאר די יידישע קינדער, אויסער אלע זאכן וואס אונז האבן נישט קיין שום השגה וואס דארטן האט זיך אפגעטוהן, אבער אפילו מיט אונזער פשוט שכל איז עס געווען א מורא'דיגע געשמאקע מעמד, דער אייבישטער גיט זיי די תורה מיט א מעכטיגע מעמד, א 'מעמיד צום געדענקן', א 'מעמיד היראה', א מעמד וואס איז נישט דא נאך אזוינס אויף די כדור הארץ, גאר א טיפע און געשמאקע איבערלעבעניש.

שטייט אין ספרים הקדושים אויף דעם פסוק 'אנכי ה' אלקיך', אז 'אלקיך' איז בלשון יחיד, דיין גאט במיוחד, ס'איז געווען א מעמד פאר גאנץ כלל ישראל, אבער ס'איז אויך א מעמד פרטי פאר יעדן יחיד באזונדער. יעדער יוד האט זיך זיין זמן וואס ער באקומט די תורה פונעם אייבירשטן אליינס, ער גייט דורכער נסיונות פון פחדים צוקאלאפטקייט וכדומה, ער הערט דינערן און בליצן, ס'ציטערט אים אין אלע ביינער, אבער מתוך אלע פחדים הערט ער דעם אייבירשטן זאגען 'אנכי ה' אלקיך', איך בין השם יתברך דיין גאט, דיין במיוחד, איך דארף דיך האבן.

'יראה' איז טאקע א שווערע זאך, קיינער וויל נישט קיין נסיונות פון פחדים און צוקאלאפטקייט, אבער א יוד דערהערט אין דעם עפעס טיפער, ער הערט דעם 'כפה עליהם הר כגיגית', ער הערט ווי דער אייבישטער זאגט אים, ביסטו מקבל מיין מלכות איז גוט, און אויב נישט 'שם תהא קבורתכם', אויב נישט, האסטו סתם אזוי גארנישט, אויב נישט ביסטו סתם אזוי א טויטער. ווי דער רמב"ם זאגט, מ'אנטלויפט פונעם אייבירשטן, צום אייבירשטן, מ'אנטלויפט פונעם אייבירשטן פון גרויס יראה, אבער מ'אנטלויפט צוריק צו אים, ווייל אהן אים, האסטו דאך טאקע גארנישט.

און אזוי ווי די יידען ביי מתן תורה האבן עס געגומען מיט א שטארקייט, 'ויתיצבו בתחתית ההר', זיי האבן זיך אוועקגעשטעלט שטארק, זיי האבן אנגענומען מיט א שטארקייט די 'מעמד היראה'. אזוי שטארקט זיך אויך יעדער יחיד אין זיינע נסיונות, ער שטעלט זיך אוועק מיט א 'יציבות', און ער איז מקבל זיין פרטיות'דיגע קבלת התורה מיט א שטארקייט.

### כאילו שומע מפי הגבורה

ס'איז באקאנט די ווערטער פונעם רמב"ם סוף הלכות חגיגה, אז די מצוה פון 'הקהל' איז א 'מעין' פון מעמד הר סיני, און דער רמב"ם זאגט אז סיי די חכמים וואס ווייסן אלעס, און סיי די עמי הארץ וואס פארשטייען גארנישט, אלע מוזן קומען צו 'הקהל', אלע מוזן קומען מחזק זיין די מעמד און מצב פון קבלת התורה, וואס שפילט זיך אפ ביי די מצוה פון הקהל. און דער רמב"ם פירט אויס אז דער מענטש זאל זיך אנקוקן, ווי ער ווערט יעצט נצטווה מפי הגבורה, און ווי דער קעניג וואס ליינט פאר, איז סך הכל נאר א שליח פונעם אייבירשטן.

ביי די פרשה פון 'הקהל' שטייט (דברים פרק לא יב) "הַקְהֵל אֶת הָעָם הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ, לְמַעַן יִשְׁמְעוּ וּלְמַעַן יִלְמְדוּ, וְיָרְאוּ אֶת יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם, וְשָׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת: (יג) וּבְנֵיהֶם אֲשֶׁר לֹא יָדְעוּ יִשְׁמְעוּ וְלָמְדוּ לְיִרְאָה אֶת יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם כָּל הַיָּמִים וגו'". וואס די פסוקים זענען זייער ענדליך צו וואס שטייט ביי מתן תורה אין פרשת ואתחנן (דברים פרק ד ט) רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד וגו', וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ: (י) יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ בְּחֹרֵב בֶּאֱמֹר יְהֹוָה אֵלַי הַקְהֶל לִי אֶת הָעָם וְאַשְׁמִעֵם אֶת דְּבָרָי אֲשֶׁר יִלְמְדוּן לְיִרְאָה אֹתִי כָּל הַיָּמִים אֲשֶׁר הֵם חַיִּים עַל הָאֲדָמָה וְאֶת בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן".

די הלכה איז אז דער 'מלך' דארף פארליינען ביי 'הקהל', אלע ווינדערן זיך אויף דעם אז אין פסוק שטייט נישט קיין איין ווארט אז ס'האט צוטוהן מיט א 'מלך', און אויך פאר די יידען האבן געהאט א 'מלך' וואס האט מען דעמאלטס געטוהן. איז דאס איז א סוגיא, אבער מיט דעם וואס מ'שמועסט אז 'הקהל' איז מעין 'מתן תורה', ס'איז א מעמד פון יראה, פארשטייט מען גוט אז דוקא דער 'מלך' דארף פארליינען, וואס דאס פארשטארקעט זיכער גאר שטארק די מעמד און מצב פון יראה.

ס'איז באקאנט פון בעש"ט און אנדערע צדיקים, ווי זיי האבן אויפגעוועקט אין זייער בית מדרש בשעת קריאת התורה די מעמד הר סיני, 'כאילו היום ניתנה' כפשוטו. על סמך דער רמב"ם וואס זאגט ביי מצות הקהל, אז 'הקהל' איז א מעין פון מתן תורה, אזוי איז געווען ביי צדיקים ביי א פשוטע קריאת התורה שבועות, א מעין פון מתן תורה.

די שורש איז דורכער א טיפע 'יראה', דורכער א התבוננות אין די 'מעמד היראה', די מעמד וואס איז געווען דארט ביים בארג, די טיפע יראה קען אהין טראגען דעם מענטש, ווייל די טבע פון 'יראה' אז אלעס ווערט 'אויס', אלע וועלטליכע זאכן וואס שטייען פאר די אויגען, אלעס ווערט כאילו 'אויס' מרוב פחד, איז פון זיך אליינס פארט די הארץ צוריק ביז אהין, די הארץ פארט צוריק ביז דעם מעמד הר סיני זעלבסט.

אזוי ווי ווען א מענטש האט א פחד פון עפעס, נעמט די פחד ארום אלע זיינע חושים, אלעס ארום ווערט ביי אים אויס, עס איז כאילו ווי ס'איז נישט קיים, אזוי אויך ווען א יוד איז זיך מתבונן אין די מורא'דיגע פחד פון הר סיני, ווערט אים די גאנצע וועלט אויס. דארט ווי די הארץ איז, דארטן איז דער גאנצער מענטש, מ'שטייט בחוש פאר די מעמיד האדיר פון מתן תורה, מ'הערט דעם אייבירשטן זאגען 'אנכי מי שאנכי'.

# לומדים את רבי חיים

## מעגל השנה עם התורה

### • וועלכע טאג איז היינט

ווי אזוי געדענקט א מענטש וועלכע טאג ער שטייט, וועלכע טאג איז היינט, איז קודם איז דא די כח הזכרון, פשוט מ'געדענקט היינט איז זונטאג, היינט איז מאנטאג, אבער בנוסף לזה האט יעדער מענטש אסאך ענינים וואס דערמאנען אים אוואו ער שטייט אויפן וועלט.

למשל אין די שבת'דיגע טאג איז דא צענדליגע זאכן וואס דערמאנען אז היינט איז שבת, די גאנצע סדר היום, די אויפשטיין, די דאווענען, די סעודות, שינה בשבת תענוג, און אזוי ווייטער, יעדער ריר פון שבת שרייט ארויס שבת'דיג, אויטאמאטיש געדענקט ער א יעדער רגע אז היינט איז שבת. בפרט מיט די בגדים, מ'גייט שבת'דיג אנגעטוהן, און כאטשיג איין בגד איז אלעמאל שבת'דיג, ווי ס'שטייט אין די פוסקים, אלץ 'זכור את יום השבת'.

'זונטאג' האט זיך זיינע זאכן וואס דערמאנען ווי מ'שטייט, מ'שטייט אויף שפעטלעך, מ'איז מיד, אלעס האט אזא זונטאג'דיגע טעם, אלעס דערמאנט דעם 'היום יום ראשון בשבת'. 'מאנטאג' שלאפט מען נאך אביסל לענגער, די מאנטאג'דיגע קריאה, מ'פאנגט אהן צו מאכן די 'גאולס', די 'גאולס' פאר די טאג און פאר די וואך, מ'צינד צוביסלעך אהן די מאשין, וואס דאס אלעס דערמאנט דעם 'היום יום שני בשבת'.

דערנאך קומט 'דינסטאג', דינסטאג איז מען שוין מער פעסט אין די וואך אריין. 'מאנטאג' איז מען נאך קוים ארויסגעקראכן פונעם זונטאג, אבער דינסטאג שטייט מען שוין אויף די אייגענע פיס, זאכן פאנגען זיך אהן צו ריקען, מ'איז שוין פעסט אין די זאך, די געפילן דערמאנען דעם מענטש היינט איז דינסטאג, היום יום שלישי בשבת. דערנאך קומט 'מיטוואך', מ'פאנגט אהן אביסל זיך אינטער צו יאגען, מ'וויל קענען דערגראכן די 'גאולס' פון די וואך, און אודאי דאנערשטיג ווערט מען שטארק געיאגט, און דערנאך איז מען שוין צוריק ביי פרייטאג שבת.

סך הכל יעדער טאג האט זיך זיינע זאכן וואס דערמאנען אוואו מ'שטייט אויפן וועלט, וועלכע 'יום' איז היינט. אויך די 'עסן' איז א גרויסע 'רימיינדיר', אסאך מענטשן עסן אנדערשט געוואנדען לפי די טעג, זונטאג עסט מען מער שפעטער אין טאג, און מ'עסט אויך וויניגער על פי רוב, מאנטאג עסן מאנכע מילעכיגס ביי 'סאפיר', דינסטאג האט זיך זיינע עניני אכילה, און אזוי ווייטער. בפרט אין די חדרים און סקולס, וואס די עסן דערמאנט דארט גאר שטארק אוואו מ'שטייט אין די וואך. סך הכל יעדער איינער האט זיך זיין וועלטל, זיינע זאכן און ענינים, וואס דערמאנען אים אוואו ער שטייט אויפן וועלט.

### • די תורה און דער מעגל השנה

רבי חיים קנייבסקי זצ"ל האט זיך געהאט זיינע ענינים וואס האבן אים דערמאנט אוואו ער שטייט, נישט די עסן האט אים דערמאנט, ווייל די עסן האט ער ניטאמאל באמערקט, ער האט נישט געוויסט וועלכע עסן מ'גיט אים, אים האט די תורה דערמאנט, די גאנצע 'מעגל השנה' זיינער, איז געווען אויסגעשטעלט אין געבויט אויף די סדר החובות זיינע, וואס דאס האט אים פשוט כפשוטו אריינגעברענגט אינעם זמן, אז מ'לערנט זרעים שפירט זיך 'ניסן אייר', אז מ'לערנט מועד שפירט זיך 'סיון תמוז', נשים - אב אלול, נזיקין - תשרי חשון, קדשים - כסליו טבת, טהרות - שבט אדר.

ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, "ווען מ'לערנט מסכת יומא איז דאס די לענגסטע טעג", חודש סיון וואס דעמאלטס זענען די טעג לאנג. ערב תשעה באב איז געווען יעדעס יאר ווייַן, ביי די סיום מסכת זיינע, אויף מסכת יבמות. ר' חיים פלעגט זאגען, "ביים לערנען גיטין שמעקט מען שוין ראש השנה". און ערב ראש השנה פלעגט ער שוין מסיים זיין קידושין, דאס הייסט אז 'סדר נשים' האט זיך געענדיגט ערב ראש השנה.

א' תשרי האט ער שוין אנגעפאנגען סדר נזיקין, ערב סוכות האט מען אלעמאל אנגעפאנגן בבא מציעא. און ראש חודש חשון האט מען אנגעפאנגען בבא בתרא. און חנוכה פלעגט מען שוין מסיים זיין נזיקין. ראש חודש טבת האט מען אנגעפאנגען קדשים, מסכת זבחים. און נאכדעם שבט אדר פאר טהרות, און ווי רבי חיים פלעגט זאגען, "ווען מ'לערנט טהרות שמעקט מען שוין פורים".

# יום טוב

## שהחיינו והגיענו לזמן הזה

### שבת מאכט מען נישט 'שהחיינו'

אלע ימים טובים מאכט מען א 'ברכת שהחיינו', מ'דאנקט דעם אייבערשטן אויף די נייע זמן, דארף מען פארשטיין פארוואס 'שבת' מאכט מען נישט קיין 'ברכת שהחיינו', דער אבודרהם (ברכות שער ג', ועי"ע בחידושי הרי"ם פרשת אמור) איז מסביר דעם טעם, ווייל 'שבת' האלט און איין צוריק קומען, יעדער וואך איז נאכאמאל שבת, און דער כלל איז אז וויניגער ווי דרייסיג טעג איז נישט קיין התחדשות אויף צו מאכן א ברכת שהחיינו, ווי די הלכה איז ביים טרעפן א חבר וואס מ'האט שוין נישט געזעהן פאר א שטיק צייט, אז נאר אויב מ'האט אים נישט געזעהן פאר דרייסיג טעג, מאכט מען א שהחיינו, און אזוי ביי רוב 'ברכת הראייה', איז די שיעור צו מאכן א פרישע ברכה דרייסיג טעג.

דער ספר עין יעקב המפואר (ברכות נט ע"ב בהערות אות קמה) איז מסביר די גדר פון דרייסיג טעג ביי ברכת שהחיינו, על פי וואס שטייט אין שפת אמת (בא תרנ"ח) אז דער אייבישטער האט געגעבן 'ראש חודש' כדי אונז זאלן נישט ווערן איינגעזינקען אין די טבע העולם, במשך די וואך ווערט א מענטש נתרגל צו די טבע, ער ווערט נתרגל צו די הרגל העולם - מ'שטייט אויף, מ'גייט דאווענען און לערנען, מ'עסט, מ'גייט שלאפן, אזוי איז די זאך 'חוזר חלילה', מווערט איינגעזינקען אין די טבע העולם, 'עולם כמנהגו נוהג'. איז כדי אים צו באפרייען פון די טבע העולם, האט דער אייבישטער קובע געווען אזא זאך ווי 'ראש חודש', יעדער דרייסיג טעג 'מידי חודש בחודשו' מוז זיין א התחדשות.

זאגט ער אז דאס איז די יסוד פון די שיעור 'דרייסיג טעג' ביי ברכות הראיה, און ביי ברכת שהחיינו, היות דרייסיג טעג איז א שיעור פון התחדשות, ממילא איז יעדער דרייסיג טעג א פרישע 'ראיה', א פרישע זמן, א פרישע שהחיינו. אבער די טעג פון די וואך האבן נישט קיין התחדשות, ממילא ווען ס'קומט שבת מאכט מען נישט קיין שהחיינו.

### דרייסיג טעג איז די שיעור התחדשות

די הגדרה פון התחדשות זעהט מען ביי די לבנה, די לבנה איז זיך מתחדש יעדע דרייסיג טעג, קודם ווערט די לבנה 'אויס' אינגאנצן, און נאכדעם איז די לבנה זיך מתחדש. דאס הייסט אז די גדר פון 'התחדשות' איז ווען די זאך איז געווארן 'אויס', נאכדעם ווען עס קומט צוריק, דאן ווערט עס אנגערופן 'התחדשות'. און דאס איז די הגדרה פון התחדשות ביי דרייסיג טעג, אויב האט מען נישט געזעהן די חבר פאר דרייסיג טעג, מיינט עס אז די פריערדיגע ראיה איז געווארן 'אויס', איז יעצט ווען די זעסט אים נאכאמאל איז דאס א פרישע זעהן, א פרישע התחדשות.

ביי די טעג און וואכן, אפילו ס'קומט יעדער וואך א פרישע וואך, איז עס נישט בגדר ווי די ערשטע וואך איז געווארן 'אויס', ביי די 'וואכן' גייט מען ניטאמאל אוועק פון די ערשטע וואך, די צווייטע וואך און די ערשטע וואך זענען די זעלבע, די וואכן לויפן אויף א 'גלגל', א 'גלגל החוזר על עצמו', ס'גייט איבער און איבער, די זעלבע זיבען טעג גייען איבער נאכאמאל. ס'קומט שבת, שטעלט זיך די 'גלגל' אפ אביסל, ס'שטעלט זיך אפ פאר פיר אין צוואנציג שעה,

המשך בעמוד הבא

און דערנאך 'אודך', די גלגל פאנגט זיך ווידער אהן צו דרייען, אויף די זעלבע סדר פינקטלעך ווי די פריערדיגע וואך (ידוע ד'שבוע' היינו 'שטיינע של ימים', והבן).

אבער ביי די חדשים ארבעט עס נישט אזוי, ביי די חדשים ארבעט עס, אז די ערשטע חודש ווערט אויס, און די קומענדיגע חודש איז א נייע פרישע זאך, מ'איז זיך מתחדש פון פריש, א פרישע זמן און א פרישע שהחיינו.

## גלגל החוזר על עצמו

שטייט אין מסכת ראש השנה (דף ג ע"א) 'לא אשכחן שני בשבת דכתיב', און ווי ס'קומט אויס דארטן (תוס') מיינט עס צוזאגען אז מ'טרעפט נישט 'שני בשבת' פאר א 'תאריך', פאר א 'דעיט', פאר די מנין ימי השבוע. ווייל דאס וואס שטייט אין פסוק ביי ששת ימי בראשית 'ויהי ערב ויהי בקר יום שני', איז דאס נישט 'שני' צו די מנין פון די טעג פון די וואך, נאר 'שני' צו די וועלטס באשאף. פון דא איז א יסוד אויף דעם, וואס קיינמאל רעכנט מען נישט די טעג פון די וואך פאר א 'תאריך', פאר א 'דעיט', נישט פאר א 'יום הולדות' ווי א בר מצוה, אדער פאר א 'יארצייט' וכדומה. די טעג פון די וואך זענען קיינמאל נישט אין די גדר פון 'תאריכים'.

מ'קען עס פארשטיין מיט וואס מ'האט געשמועסט, אז די חדשים און יארן זענען זיך מתחדש, זיי גייען אוועק, און ממילא קומען זיי אויך צוריק, למשל א 'יום הולדות' א 'יארצייט', ס'גייט אוועק, און ס'קומט צוריק די פינקטליכע צייט פון די לידה, ס'קומט צוריק די פינקטליכע צייט פון די מיתה. אבער ביי די טעג פון די וואך גייט עס נישט אזוי, די טעג גייען איבער נאכאמאל און נאכאמאל ווי א 'גלגל החוזר', ביי די טעג פון די וואך קומט מען נישט צוריק, מ'גייט פשוט קיינמאל נישט אוועק, די טעג פון די וואך זענען אלץ א 'גלגל החוזר על עצמו', ער ריקט זיך נישט אוועק פון זיך, וואס ממילא קומט ער קיינמאל נישט צוריק.

די מציאות איז אז די טעג פון די וואך גערעדנקט זיך גרינג, גרינגער ווי די טעג פון די חודש, ווייל די טעג פון די וואך איז א קביעות'דיגע 'רואטין', א קליינע 'רואטין', ס'איז גרינג צו געדענקן, יעדער מענטש האט זיך מער וויניגער זיין סדר ימי השבוע, זיין סדר ווי אזוי די טעג לויפן ביי אים, ס'לויפט מיט א פינקטליכקייט, ס'גייט איבער און איבער. אבער די טעג פון חודש ציילט זיך נישט פון זיך אליינס, מ'דארף עס אויסרעכנען, די חדשים ריקען זיך ווייטער און ווייטער, פון טעג ווערט צוזאם געשטעלט חדשים, פון חדשים ווערט צוזאמגעשטעלט יארן, שמיטות, יובלות, ס'איז א חשבון וואס מ'דארף האלטן קאפ.

## שבת עונג, יום טוב שמחה

ווי געשמועס ווען ס'קומט 'שבת' ווערן נישט די טעג פון די וואך אויס, שבת שטעלט פשוט אפ די געלויף פונעם 'גלגל', מ'קוקט צוריק צו די וואך וואס איז אריבער, מ'פריידט זיך אז ס'איז ברוך השם געווען א פיינע וואך, מ'בארואיגט זיך, מ'מאכט 'פאוס', און דערנאך גייט מען ווייטער, די נעקסטע וואך, די 'גלגל' דרייט זיך פריש. יום טוב איז עפעס אנדערשט, יום טוב איז געבויט אויף די חדשים, די חדשים ריקען זיך ווייטער און ווייטער, ס'גייט נישט איבער און איבער, ממילא ווען ס'קומט א פרישע יום טוב איז עס ניי, מ'מאכט א שהחיינו און מ'פריידט זיך אז ס'איז אנגעקומען עפעס פריש. און די יסוד איז ווי געשמועס, אז די לבנה ווערט אויס, ממילא ווערט עס אויך נתחדש פון פריש, ס'גייט ווייטער און ווייטער.

**נאטורליך**
**זענען די 'וואכן' א טויטע זאך, א זאך וואס גייט איבער און איבער, יעדער קען זיין סדר השבוע, און ס'גייט פשוט איבער און איבער. אבער די חדשים און די יארן, זענען נאטורליך מער לעבעדיג, 'חודש' מלשון 'התחדשות', 'שנה' מלשון 'שינוי', ס'איז דא א התחדשות, ס'איז דא שינויים**

שטייט אין די פוסקים (הלכות שבת סימן רמב) אז 'שבת' איז בגדר פון 'עונג', און יום טוב איז בגדר פון 'שמחה', דאס הייסט אז יום טוב איז א פרישע זמן, א פרישע תקופה, אנטקעגען די פריערדיגע תקופה וואס האט זיך גענדיגט, איז יעצט דא א נייע תקופה, אנטקעגען די פריערדיגע יום טוב וואס איז שוין נישט דא, איז יעצט דא א נייע יום טוב, וואס דאס ברענגט 'שמחה'. אבער 'שבת' וואס מ'ריקט זיך קיינמאל נישט אוועק פונעם 'גלגל השבוע', פאסט נישט צוזאגען 'שמחה', 'עונג' קען מען זאגען, מ'איז זיך מתענג, אבער ס'איז נישט קיין עונג וואס ברענגט שמחה, ווייל מ'איז אלץ דארט, מ'איז קיינמאל נישט אוועקגעגאנגען.

## אין די עלטערע יארן

א מענטש ווען ער ווערט אביסל עלטער, באקומען די זמנים און די ימים טובים א געפיל אז די רעדל דרייט זיך, מ'פילט נישט קיין התחדשות, ס'איז נאכאמאל פסח, נאכאמאל שבועות, ס'לעבט נישט, זיי באקומען א געפיל פון א 'גלגל החוזר על עצמו'. די סיבה דערצו איז ווייל ווי יונגער מ'איז, פילט מען א נייע זאך קומט, א נייע ראש השנה, א נייע סוכות, א נייע פסח, וואס דאס גיט א מורא'דיגע קאך אין יעדע זאך, יעדער חודש איז ניי און פריש, יעדער תקופה איז ניי, אלעס איז מיט א פרישע התחדשות. אבער ווי עלטער מ'ווערט, פילט מען אויך ביי די חדשים און ימים טובים, ווי די 'גלגל' איז פשוט נאכאמאל דא.

נאטורליך זענען די 'וואכן' א טויטע זאך, א זאך וואס גייט איבער און איבער, יעדער קען זיין סדר השבוע, און ס'גייט פשוט איבער און איבער. אבער די חדשים און די יארן, זענען נאטורליך מער לעבעדיג, 'חודש' מלשון 'התחדשות', 'שנה' מלשון 'שינוי', ס'איז דא א התחדשות, ס'איז דא שינויים. אבער ווען מ'ווערט עלטער און מ'געדענקט שוין גוט די גאנצע סדר היום פון די ימים טובים, דאן פאנגט מען אהן פילען אויך ביי די חדשים און ימים טובים, ווי זיי ווערן ווי א 'גלגל החוזר על עצמו', זיי ווערן אזוי ווי די וואכן, זיי ווערן טויט, ס'פעלט אביסל אין דעם 'שהחיינו', ס'פעלט אין די התחדשות.

כדי מ'זאל פילען א התחדשות, מוז קודם די זאך ווערן 'אויס', מ'מוז ווערן צוריק יונג אביסל, אזוי ווי אין די יונגע יארן גערענקט מען נישט פינקטלעך פון די פריערדיגע יארן, ממילא איז די נייע יאר א התחדשות, אזוי אויך אין די עלטערע יארן דארף מען אביסל פארגעסן פון די פריערדיגע יארן, אזוי ווען ס'קומט אהן די נייע יאר, די נייע ימים טובים וועט מען קענען אנפאנגען מיט א גוטע התחדשות.

ומענין לענין איז באקאנט די שאלה צו מ'קען מאכן בזמנינו א 'שהחיינו' אויף הפירות, ווייל לכאורה איז נישט דא היינטיגע צייטן א אמת'ע התחדשות אין די פירות, ווייל כמעט א גאנצע יאר ווערט עס נישט נפסק, און אויב ס'איז נישט דא קיין הפסק, איז ממילא נישט דא קיין התחדשות, אזוי ווי ס'איז געווארן נתבאר אז די התחדשות איז תלוי אינעם הפסק.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**הערט א שיינע לענגערע 'דיבאטע', וועגען די נושא פון בחורים וואס פארן קיין ארץ ישראל לערנען, דריקט (1-1-174)**

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424